Opłata pocztowa uiszczona ry zaltem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

# היינט 8 זייטען

# לאדזשער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

| Nr. 38 (1031) | Łódź, Poniedziałek 14 Lutego 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג יב אדר א תרפ"ז. | Nr. 38 (1031) |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24-71

# דער קאנפליקט צווישען סיים און דער רעגירונג

## ווערט היינט בעטראכט דורכ'ן מיניסטארען-ראט.

## טראגישער זעלבסטמארד פון א לאדזער יודישען סוחר.

וו א ר ש א, 13 (טעלעפאניש פון אונזער סיים - קארעספאנדענט). מאנטאג (היינט) 12 פארמיטאג קומט-פאר א זיצונג פון מיניסטארען-ראט, וועלכע וועט בעטראכטען די געשאפענע לאגע, אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע אפשטימונגען אין סיים.

### איצטיגע פאליטישע לאגע

וו א ר ש א 13 (טעלעפאניש פון אונזער סיים-קארעספאנדענט). היינט האט די רעגירונג דעמאנסטרירט געגען סיים מקיים-זייענדיג די מצוה פון... ביקור-חולים...

צום ערשט איז דער פרעמיער מארשאל פילסודסקי צוזאמען מיט'ן מיניסטער מיעדזשינסקי געווען ביים סיים מארשאלעק ראטאי, וועלכער ליגט קראנק.

ס'איז אפגעהאלטען געווארען א קורצע קאנפערענץ, אויף וועלכער מאר שאלעק ראטאי האט אויך פערבעטען דעם וויצע-מארשאלעק דאשינסקי.

כאראקטעריסטיש איז, אז מארשאל פילסודסקי איז געקומען צו ראטאי'ען צוזאמען מיט'ן מינ. מיעדזשינסקי וועלכען דער סיים האט פאקטיש אויסגעדריקט אונצוטרוי, דורכ'ן שטרייכען דעם בודזשעט פון פאסט - מיניסטעריום.

*

נאכמיטאג איז דער מלוכה-פרעזידענט געווען ביים וויצע - פרעמיער בארטעל, וועלכער ליגט אויך קראנק. די אנגעהאלטענע קאנפערענץ האט געדויערט פון 6 ביז 8 אווענד.

אין רעזולטאט פון די אלע קאנפערענצען, שמועסט מען, אז מארשאלעק ראטאי זאל איצט פערמיטלען אינ'ם קאנפליקט צווישען סיים און דער רעגירונג און זיך בעמיהען אויסצומיידען, אז דער קאנפליקט זאל זיך נישט פערשארפען.

*

היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון דער פערוואלטונג פון „פיאסט".

ס'איז בעשלאסען געווארען נישט ארויסצוטרעטען שארף געגען בארטעל'ן, נאר אויף דער פלענאר-זיצונג פון סיים זאל איבערגעלייענט ווערען א דעקלאראציע

*

איצט איז די פאליטישע לאגע אזא, אז אלץ איז נאך דערווייל אפהענגיג דערפון, צי ס'וועט זיך איינגעבען דעם סיים-מארשאלעק מיט ערפאלג צו פערמיטלען צווישען די בעזונדערע פראקציעס אין דער רעגירונג.

ס'זענען נאך אבער מעגליך פערשידענע איבערראשונגען. אזוי איז נישט אויסגעשלאסען, אז די רעכטע זאלען פלוצלינג אריינטראגען א פארשלאג וועגען אונצוטרוי פאר דער רעגירונג.

*

וו א ר ש א, 13 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) 3 נאכמיטאג (היינט) קומט פאר די פלענאר-זיצונג פון סיים, אי'טער'ן פארזיץ פון וויצע-מארשאלעק דאשינסקי.

ס'איז פאראויסצוזעהן, אז די רעגירונג וועט צו דער סיים'זיצונג קומען אין קאמפלעט. ס'איז אויך נישט אויסגעשלאסען, אז ביי דער דיסקוסיע וועלען בעהמען א ווארט פארשטעהער פון דער רעגירונג.

(זעה 2-טע זייט).

### בודזשעט-קאמיסיע וועט בעטראכטען די געשטרייכענע פאזיציעס.

וו א ר ש א, 13 (טעלעפאניש פון אונזער סיים-קארעספאנדענט) מאנטאג (היינט) האלב 11 פארמ. קומט פאר א זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע ביים סיים ס'וועט בעטראכט ווערען די פראגע, צי ס'זאלען צוריקגעשטעלט ווערען די פאזיציעס, וועלכע זענען דורכ'ן סיים אויסגעשטראכען געווארען.

### מלוכה-פרעזידענט פארט קיין פוזנען

וו א ר ש א, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). מיטוואך, דעם 16. ה. ח. פאהרט ארויס קיין פויזען דער מלוכה פרעזידענט מאשטשיצקי, אין דער בעגלייטונג פון וויצע-פרעמיער בארטעל.

דער מלוכה-פרעזידענט וועט וויילען אין פויזען 3 טעג.

### אפגעלאנגט פונ'ם אנפאל אויפ'ן דעפ. זרזשעכאווסקי.

וו א ר ש א, 13 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דאס ווארשאווער קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס געגען די רעדאקטארען: פון „גאז. ווארשאווסקא פאראנא", אלשעווסקי און פון „זשעטשפאספאליטא", יאשינסקי, וועלכע זענען אנגעקלאגט געווען אין פערשפרייטען בלבולים אויף אפיצירען, וועלכע זאלען האבען דורכגעפיהרט דעם אנפאל אויף דעפ. זרזשעכאווסקי.

דאס געריכט האט די בעשולדיגטע רעדאקטארען בעפרייט פון דער שולד.

### קאנפיסקירט דעם ארגאן פון די נאציאנאלע מינדערהייטען „נאציא".

וו א ר ש א, 13 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט פארטאג האט די פאליציי דורכגעפיהרט א רעוויזיע אין דער דרוקעריי, אין וועלכער מ'דרוקט זיך דער אפיציעלער ארגאן פון אלע נאציאנאלע מינדערהייטען אין פוילען, - „נאציא".

ס'איז קאנפיסקירט געווארען די גאנצע אויפלאגע אין א צאהל פון 4.500 עקזעמפלארען.

אינטערעסאנט איז דערביי, אז די קאנפיסקאציע איז פארגעקומען נאך איידער דער נומער איז צוגעשיקט געווארען אין רעגירונגס - קאמיסאריאט צו צענזור.

ווי מ'גיט - איבער וועט אויף דער סיים זיצונג (היינט) אריינגעטראגען ווערען אן אינטערפעלאציע פון אלע נאציאנאלע מינדערהייטען וועגען דער קאנפיסקאציע.

אחרי מחלה כבדה וממושכה שבק חיים לכל חי

נ. ע.

מרדכי ב"ר בן-ציון ז"ל

קיססין

בשנת השמונה וששים לימי חייו.

אלויה תהי' היום, ביום ב', י"ב אדר א' תרפ"ז, בשעה 12 בצהרים, מבית האבל ברחוב ווסכאדניא 66.

משפחתו המתאבלת.

924

ציוניסטישער פרויען-פערבאנד אין לאדז

היינט, 5 אזייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צעגעלניאנא 4)

א פרויען - פערזאמלונג

מיט דער בעטייליגונג פון די מיטגלידער פון דער ארץ-ישראל-דעלעגאציע. ד"ר שמריהו לעווין, מיטגליד פון עקזעקוטיווע-קאמיטעט. ש. טשערנאוויטש. סעקרעטאר פון ועד הלאומי. ד. בעראכאוו, דעלעגאט פון דער אלגעמיינער יודישער ארבייטער-ארגאניזאציע אין א"י.

אריינגאנג פריי! 822

פילהארמאניע-זאל נארוטאוויטש - נאם 20.

גמנסיה עברית „יבנה" לודז

זונטאג, י"ח אדר א' (דעם 20/II ה. י.), 9 אין אווענד קומט פאר

א גרויסער אווענד

פאר פאעזיע און פראזא פון דער בעקאנטער העברעאישער דיכטערין

אלישבע

מיט בעטייליגונג פון פרל. רומא ליליען אויס ווארשא (געזאנג) און דר ה"ה ד"ר ירמיהו פרנקל פראפ. י. רונצוויג. -- בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע פון 1-10 און פון 3-6.

918

ŁÓDZKIE TOWARZYSTWO ELEKTRYCZNE,

Spółka Akcyjna,

zawiadamia pp. odbiorców prądu, że, stosownie do §§ 75, 80, 81, 82 i 86 uprawnienia rządowego No. 12, ceny prądu, obowiązujące pp. odbiorców za miesiąc styczeń 1927 roku, obliczone w walucie obiegowej na dzień 7 lutego r. b., wynoszą za jedną kilowatogodzinę:

| | |
|---|---|
| dla światła | 92,50 gr. |
| dla siły | 34,26 „ |

z opustami, przewidzianemi w uprawnieniu rządowem.

W zależności od terminów zapłaty oraz na zasadzie poszczególnych umów udzielane będą opusty dodatkowe.

929

